**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/3/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול שענקט 10 מיליאן דאלאר דורך אינלענדישע טעראר פארמיידונג גרענט פראגראם**

***קאונטיס אריבער די סטעיט און NYC צו באקומען גרענט פינאנצירונג צו שטיצן באמיאונגען צו רעדוצירן אינלענדישע טעראר און געציהלטע גוואלדטאטן***

***סטעיט-ברייטע דראאונג אפשאצונג מאנשאפט צוזאמקום אפגעהאלטן די וואך***

***20 מיליאן דאלאר פארטיילט זינט פראגראם'ס אנהויב אין 2022***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט 10 מיליאן דאלאר אין גרענטס פאר דעם אינלענדישע טעראר פארמיידונג (Domestic Terrorism Prevention) גרענט פראגראם. געלטער וואס ווערן צוגעטיילט דורך דעם פראגראם ווערן געציהלט צו בארייכערן די סטעיט'ס לאנד'ס-פירנדע באמיאונגען צו פארמיידן אינלענדישע טעראר און געציהלטע גוואלדטאטן אריבער די סטעיט.

"מיר וועלן קיינמאל נישט פארגעסן די ראסיסטישע און שוידערליכע גוואלדטעטיגע אקט וואס איז פארגעקומען אין מיין היימשטאט באפעלאו, ווען 10 מענטשן זענען זינלאזערהייט אויסגעשחט'ן געווארן בלויז צוליב די קאליר פון זייער הויט", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "באשיצן ניו יארקער איז מיין הויפט פריאריטעט, און די געלטער וועט גיבן פאר קאמיוניטיס די הילפס-מיטלען וואס זיי דארפן צו קענען ווייטער אויסראטן די מכה פון אינלענדישע טעראר און האלטן אונזערע שכנים זיכער."

דאס איז די צווייטע יאר וואס גרענטס ווערן פארטיילט דורך דעם פראגראם. אין די טעג נאכפאלגנדיג די אטאקע אין באפעלאו אום מאי 14, 2022, האט גאווערנער האקול ארויסגעגעבן [עקזעקיוטיוו ארדער 18](#) פארלאנגענדיג פון יעדע קאונטי און פון ניו יארק סיטי צו אויפקומען מיט פלענער וויאזוי צו קאנפראנטירן און פארמיידן אינלענדישע טעראר, און אזוי אויך אוועקשטעלנדיג ניו יארק'ס סאמע ערשטע אינלענדישע טעראר פארמיידונג איינהייט (Domestic Terrorism Prevention Unit, DTPU) אינערהאלב די סטעיט'ס דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס ( Division of Homeland Security and Emergency Services, DHSES) צו איבערזעהן די קריטישע איניציאטיוו.

אין צוגאב צום אויפשטעלן די נייע איינהייט, האט די עקזעקיוטיוו ארדער אויך אריינגערעכנט 10 מיליאן דאלאר אין סטעיט פינאנצירונג וואס זענען ארויסגעלייגט געווארן צו פארטיילט ווערן פאר אלע ניו יארק סטעיט קאונטיס און פאר NYC צו שטיצן זייערע אינלענדישע טעראר פארמיידונג איניציאטיוון וועלכע האבן אריינגערעכנט דאס צוזאמשטעלן לאקאלע דראאונג אפשאצונג און פארוואלטונג ( Threat Assessment and Management, TAM) מאנשאפטן מיט מיטגלידער פון פארשידענע פעלדער.

זינט עקזעקיוטיוו ארדער 18 איז אונטערגעשריבן געווארן האבן 44 קאונטיס און ניו יארק סיטי יעצט TAM פעלד מאנשאפטן, וועלכע האבן צוזאמען איבערגעקוקט איבער 2,000 פעלער. מיטגלידער פון די מאנשאפטן קענען אריינרעכענען געזעץ אינפארסירונג, גייסטישע געזונטהייט פראפעסיאנאלן, סקול איינגעשטעלטע, גרויסע ארבעטסגעבער, העלטקעיר סיסטעמען און אנדערע רעגירונג און וואוילטעטיגע סערוויס פּראָווײַדערס. זינט 2023 האט די DTPU אפגעהאלטן 53 טרעינירונגען וואו עס האבן זיך באטייליגט נאענט צו 1400 ניו יארקער אויף דראאונג אפשאצונג און באריכטונג, אויסלערנענדיג פאר אנטיילנעמער וויאזוי צו אויפכאפן און זיך באגיין מיט דראאונג פון געציהלטע געוואלדטאטן און אינלענדישע טעראר. כדי צו פארזעצן צו ארויפבויען אויף די וויכטיגע ארבעט, האבן מער פון TAM 250 מאנשאפט מיטגלידער זיך געטראפן די וואך אין אלבאני צו מיטטיילן די בעסטע שיטות און דורכשמועסן פארשפרייטע שוועריגקייטן און לייזונגען.

**דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס קאמישאנער, דזשעקי ברעי, האט געזאגט,** "עס קומט זיך פאר ניו יארקער צו פילן זיכער אין זייערע קאמיוניטיס. די פינאנצירונג איז א כלי צו העלפן מאנשאפטן פון פארשידענע פעלדער אריינרעכענענדיג גייסטישע געזונטהייט פראפעסיאנאלן, מחנכים און געזעץ אינפארסירונג צו ארבעטן צוזאמען צו העלפן פארמיידן אינלענדישע טעראר און אנדערע מאסן געוואלדטאטן בעפאר זיי געשעהען."

ניו יארק סיטי און די קאונטיס אויסגערעכנט אונטן וועלן באקומען א גרענט פון $172,413 צו העלפן באצאלן פאר די קאסטן פון צוזאמשטעלן TAM מאנשאפטן און איבערארבעטן זייערע אינלענדישע טעראר פארמיידונג פלענער.

| |
|---|
| אלבאני קאונטי |
| אלעגאני קאונטי |
| ברום קאונטי |
| קעטערעגוס קאונטי |
| קאַיוגע קאונטי |
| שעטאַקווע קאונטי |
| טשימאָנג קאונטי |
| שענענגאָו קאונטי |
| קלינטאן קאונטי |
| קאלאמביע קאונטי |
| קאָרטלאנד קאונטי |
| דאָטשעס קאונטי |
| עירי קאונטי |
| עסעקס קאונטי |
| פרענקלין קאונטי |
| פולטאָן קאונטי |
| דזשענעסי קאונטי |
| גרין קאונטי |
| העמילטאן קאונטי |
| הערקימער קאונטי |
| דזשעפערסאן קאונטי |
| לואיס קאונטי |
| ליווינגסטאן קאונטי |

| |
|---|
| מעדיסאן קאונטי |
| מאנרא קאַונטי |
| מאַנטגאָמרי קאונטי |
| נעסאו קאונטי |
| NYC |
| ניאגרא קאונטי |
| אניידע קאונטי |
| אנאנדאגא קאונטי |
| אָנטאַריאו קאונטי |
| אראנדזש קאונטי |
| ארליענס קאונטי |
| אסוועגא קאונטי |
| אָטסעיגאָו קאונטי |
| פּאָטנעם קאונטי |
| רענעסעלעיר קאונטי |
| ראקלענד קאונטי |
| סקענעקטעדי קאונטי |
| סקאָוהערי קאונטי |
| סקיילער קאונטי |
| סענעקא קאונטי |
| סט. לאורענס קאונטי |
| סטיוּבען קאונטי |
| סופאָלק קאונטי |
| סאָליווען קאונטי |
| טייאָוגע קאונטי |
| טאמפקינס קאונטי |
| אולסטער קאונטי |
| ווארען קאונטי |
| וואשינגטאן קאונטי |
| וועין קאונטי |
| וועסטשעסטער קאונטי |
| ווייאָומינג קאונטי |
| יעיטס קאונטי |

**איבער די סטעיט אפטיילונג פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס**
די אפטיילונג פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס שטעלט צו פירערשאפט, אנפירונג און שטיצע פאר אונטערנעמונגען צו פארמיידן, באשיצן פון, זיך גרייטן פאר, רעאגירן צו, און זיך ערהוילן פון טעראר און אנדערע מענטשליך-פאראורזאכטע און נאטורליכע קאטאסטראפעס, דראונגען, פייערן און אנדערע נויטפעלער. פאר מער אינפארמאציע, באזוכט די DHSES'ס Facebook [בלאט](), פאַלאָווט די @NYSDHSES אויף Twitter און Instagram אדער באזוכט [dhses.ny.gov]().

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן